**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/24/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול פייערט לאנג איילענד רעיל ראָוד'ס 190'סטע יארטאג

***אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט האט LIRR געזעהן לאנד'ס גרעסטע פארמערונג אין סערוויס***

***באנען מאכן דעם ראיאן וואקסן, פארשטערקערט זיכערהייט, סערוויס און אינפראסטרוקטור***

גאווערנער האקול און די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority, MTA) האבן היינט געפייערט די 190'סטע יארטאג פון די גרינדונג פון די MTA לאנג איילענד רעיל ראָוד (Long Island Rail Road, LIRR) אום אפריל 24, 1834. די LIRR איז די פארנומענסטע פאסאנזשיר באן סערוויס אין צפון אמעריקע, פירנדיג מער פון 200,000 פאסאנזשירן יעדע וואכן טאג, און לעצטע יאר – אין צוזאמענהאנג מיט די עפענונג פון גרענד צענטראל מעדיסאן און פון די דריטע רעלסן אויף די מעין ליין – האט זי אפערירט מער פון 77,000 מער באנען פון וויפיל עס זענען געפארן אין די פריערדיגע יאר, א העכערונג פון 41 פראצענט.

"די גרינדונג פון די לאנג איילענד רעיל ראָוד אום אפריל 24, 1834 האט אפגעצייכנט א נייע אנהויב פון רייזע און ראיאנישע פארבינדונג." **האט גאווערנאר קעטי האוקאל געזאגט.** "עס האט געברענגט באדייטנדע בענעפיטן פאר די צענדליגע טויזנטע ניו יארקער וועלכע פארלאזן זיך דערויף יעדן טאג, און עס ווייזט די וויכטיגקייט פון פארזעצן צו איבערבייטערן טראנספארטאציע אריבער אונזער סטעיט."

**לאנג איילענד רעיל ראָוד פרעזידענט, ראַב פרי, האט געזאגט,** "די פארגאנגענע 190 יאר האבן געוויזן אז די היסטאריע פון וואוקס און אנטוויקלונג פון לאנג איילענד זענען געקניפט און געבינדן מיט פארבעסערונג און איבערבייטערונג פון די לאנג איילענד רעיל ראָוד. די קשר זעצט פאר ביז היינט, ווען לאנג איילענד בליהט טיילווייז צוליב איר צוטריט צו א 24-שעה'יגע זיכערע און פארלעסליכע טראנספארטאציע סיסטעם וואס איז נישטא נאך אזאנס אין דאס לאנד."

**MTA פארזיצער און CEO, דזשענאָו ליבער, האט געזאגט,** "ארויס פון די לאנג איילענד רעיל ראָוד'ס 190-יאריגע היסטאריע, זענען די פארגאנגענע פינף געווען פון די מערסט באדייטנדע, מיט די איינפירונג פון 'פאזיטיווע באן קאנטראל', איבערבויאונג פון די LIRR'ס פלעצער ביי פען סטאנציע, פארענדיגונג פון דעם דריטע רעלסן פראיעקט און די ערשטע נייע סטאנציע מיט פולע סערוויס אין 50 יאר ביי עלמאנט-UBS ארענע. און מיט די עפענונג פון גרענד צענטראל מעדיסאן, זענען דא גוטע רייזע אפציעס אויף די וועג צוריק וואס פארבינדן סיטי איינוואוינער מיט דזשאבס אין די איילענד און ערלויבן לאנג איילענד ביזנעסער צו רעקרוטירן טאלאנטפולע ארבייטער פון דעם גאנצן ראיאן. מיר זענען דאנקבאר פאר די אנטשיידענע שטיצע פון גאווערנער האקול וועלכע אנערקענט די וויכטיגקייט פון פארזעצן צו פארבעסערן און מאדערניזירן די LIRR."

צו פייערן די געשעעניש, האט די רעילראָוד איינגעלאדנט די יעצט-לענגסטע באנוצערין פון די חודש'ליכע Mail & Ride Monthly טיקעטס, פיליס קלעקא פון איסט אייסליפ, וואס פארט שוין אויף די באן פאר 60 יאר.

**Mail & Ride Monthly באנוצערין, פיליס קלעקא, האט געזאגט,** "עס איז די בעסטע פלאץ פאר מיך צו רוהען און לייענען. עס איז אייביג געווען א גרויסע בענעפיט צו פארן אויף די LIRR, נעמליך די צייט וואס איז דא צו לייענען. די וואגאנען זענען געווענטליך שטיל אין די צופרי שעה'ן סוף וואך און אין די אוונט רייזעס דורכן וואך, און מיין זעקל איז געווארן א באוועגיגע לייבררערי אנגעפילט מיט צייטונגען, ביכער און ארטיקלען."

ארויס פון די פארגאנגענע 190 יאר, זענען די לעצטע פינף געווען פון די מערסט באדייטנדע אין די רעילראָוד'ס היסטאריע. זינט 2018 האט די לאנג איילענד רעיל ראָוד אקטיוויזירט 'פאזיטיווע באן קאנטראל", א סיסטעם וואס לייגט צו נאך א שיכט פון זיכערהייט צו באן אפעראציעס; צוגעלייגט א 13-מייל-לאנגע צווייטע רעלסן צו די ראָנקאָנקאמע אפטיילונג; צוגעלייגט א 10-מייל-לאנגע [דריטע רעלסן צו די מעין ליין](#) צווישן פלארעל פארק און היקסוויל; געבויט די ערשטע נייע באן סטאנציע מיט פולע סערוויס אין 50 יאר ביי עלמאנט-UBS ארענע; און געעפנט א נייע טערמינאל ביי [גרענד צענטראל מעדיסאן](#) וואס האט געברענגט LIRR סערוויס דירעקט צו מאנהעטן'ס איסט סייד צום ערשטן מאל. טייל הויכפונקטן פון די פראיעקטן זענען געווען נייע סיגנאל סיסטעמען, עלעקטרישע סאב-סטאנציע ענדערונגען און מאדערנע איינריכטונגען. די דריטע רעלסן אויף די מעין ליין איז געווען נישט נאר א גרויסארטיגע פארגרעסערונג אין סערוויס, נאר אויך א ריזיגע שפרינג מיט זיכערהייט, מיטן אוועקנעמען אכט פלעצער וואו די רעלסן זענען אריבער אויף געסער און מיטן מאכן ענדערונגען צו זיבן באן בריקן.

פען סטאנציע, די LIRR'ס טערמינאל אויף די וועסט סייד האט באקומען א מאסיווע מאדערניזירונג אנגעהויבן אין 2020, מיט די עפענונג פון אן אייקאנישע נייע ארייננגאנג צו די LIRR פאסאזשירן זאל אויף Seventh Avenue און 33rd Street. קאנסטרוקציע מאנשאפטן האבן זיך דאן אריבערגערוקט צו די רעשט פון די פאסאנזשירן זאל צווישן 7th Avenue און 8th Avenue, צום ערשט אראפנעמנדיג די נידעריג-הענגענדע ["קאפ-קנאקער"](#) זיילן וואס האבן געהאלטן די דאך נידעריג זינט די איבערגעבויטע טערמינאל האט זיך געעפנט מער פון 50 יאר צוריק. דאס אוועקנעמען די זיילן האבן ערלויבט פאר די LIRR צו העכערן די דעכער צו 18 פיס הויעך, און דער פולער פראיעקט האט כמעט געטאפלט די ברייטקייט פון די קארידאר; געברענגט וויכטיגע צוגענגליכקייט פארבעסערונגען; פארבעסערטע באלייכטונג און פלוס פון לופט; צוליגטע קלארע שילדן; באריכערטע ריטעיל און עסנווארג געשעפטן; און צוגעלייגט אן LED-געטריבענע באלאכטענע דאך.

די צוזאמשטעלונג פון די דריטע רעלסן אויף די מעין ליין און די עפענונג פון גרענד צענטראל מעדיסאן האט ערלויבט פאר די לאנג איילענד רעיל ראָוד צו פולשטענדיג איבערארבעטן אירע סקעדזשולס, צולייגנדיג 41 פראצענט מער סערוויס מיט מער באנען פארנדיג דורכאויס די פארנומענע שעה'ן און בעסערע אפציעס צו פארן אויף צוריק צו לאנג איילענד. לאנג איילענד האט יעצט די מעגליכקייט צו פארן פון מאנטאוק צו מאונט קיסקאָו, פון פעטשאָג צו פיקסקיל און פון סטאָוני ברוק צו סטרעטפארד מיט נאר איין טיקעט.

LIRR'ס צייטליכקייט איז געווען 94 פראצענט אין 2023, 95 פראצענט אין יאנואר און 96 פראצענט אין פעברואר, אפילו מיט די צאל פאסאנזשירן ארויף 22 פראצענט אין פארגלייך צו פעברואר 2023. די צאל האט פארגעזעצט צו בעסער ווערן דורכאויס 2024.

**<u>גייענדיג פאראויס</u>**

אלס טייל פון איר יעצטיגער אינפראסטרוקטור פראגראם, גייט די MTA קאנסטרוקציע און דעוועלאפמענט פאראויס מיט ADA פארבעסערונגען ביי ניין לאנג איילענד רעיל ראָוד סטאנציעס. נייע עלעוועיטארס און מאדערניזירונגען זענען פלאנירט פאר עמיטיוויל, קאָפּיעיג, לאורעלטאן, לינדענהוירסט, לאָוקאסט מענאר, מעסעפּיקווע פארק און סעינט אלבאנס. פריער דעם חודש האט די MTA אנאנסירט אז עס וועט פאראויס גיין מיט מאדערניזירונגען צו מאכן האליס סטאנציע צוגענגליכקייט און אזוי אויך פארבעסערן צוגענגליכקייט ביי בעבילאן און פארעסט הילס. אלע LIRR סטאנציעס רוקן זיך פאראויס אדער אין קאנסטרוקציע אדער אין דעזיין פאר ADA צוגענגליכקייט.

די עקזיסטירנדע צוגענגליכקייט עלעמענטן ביי איבורנדעיל און וואלי סטרים סטאנציעס וועלן אויך מאדערניזירט ווערן, אריינרעכענענדיג נייע עלעוועיטארס צווישן די שטאק פון די גאס און די שטאק פון די פלאטפארמע, ענדערונגען פון דעכער, נייע טראטוארן און טראטואר ראמפעס וואס פאלגן אויס דעם אמעריקאנער מיט דיסאביליטיס געזעץ (Americans with Disabilities Act, ADA).

אזוי ווי ארבייטער זעצן פאר זיך צוריקצוקערן צו די אפיס נאכפאלגנדיג די קאוויד פאנדעמיע, איז די LIRR קאנצענטרירט צו צושטעלן פארלעסליכע סערוויס, פארבעסערטע זיכערהייט אויף די באנען און אין אירע איינריכטונגען און רעדוצירן אנגלייגטקייט אויף באנען אזוי ווי די צאל פאסאזשירן זעצט פאר צו וואקסן. די LIRR פארבעסערט די ערפארונג פון די פאסאזשירן כדי מער מענטשן זאלן נוצן די לאנג איילענד רעילראָוד. די LIRR איז די ביליגסטע און באקוועמסטע וועג צו אנקומען אריין און ארויס פון די סיטי.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן